בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

פארגרעסערטע גליון לכבוד יום טוב פסח

גליון ז'

חג הפסח תשפ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

זוּנְטִיג פָּרָשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

בַּיים שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן זוּנְטָאג וָאֵרָא, שְׁנַת תשפ"ג, פַאר דִי מְחַנְּכִים פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר מִיט אַ שֵׁיינֶע הַקְדָּמָה וָואס רֶעדְט אַרוּם אִיבֶּער 'וֶוען', 'וִוי אַזוֹי' אוּן 'פַארְוָואס' מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט דִי הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. לְכָבוֹד יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶועלְן מִיר בְּעֶזֶר הַשֵּׁם דָא אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דֶעם שֵׁיינֶעם שְׁמוּעֶס.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: גֶעלוֹיבְּט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר נֶעמֶען זִיךְ דָא צוּזַאם אַלֶע מְחַנְּכִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וֶוער וָואלְט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט יָארְן צוּרִיק אַז עֶס וֶועט אֵיין טָאג זַיין 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'? דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן עֶפֶענֶען 'מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ חָלוֹם.

### עֶפֶענוּנְג פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין אַמֶערִיקֶע

אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן וִוי אַזוֹי דִי מוֹסְדוֹת אִין אַמֶערִיקֶע הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט.

**אַ וָואךְ פַאר פֶּסַח שְׁנַת תש"ע,** זֶענֶען מִיר אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְן צִי מִיר זָאלְן עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס אַוֶועק גֶעמַאכְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט: **"קוֹדֶם לָאמִיר זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַלֶע תַּלְמִידִים".**

מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אוֹיף מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען אָן רְשׁוּת, קֶען מֶען דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט. פוּן אֵיין זַייט זָאגְט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן נָאכְנִישְׁט עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְן מִיר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט פְרֶעגְן אַ צַדִיק אוֹיף אַ מְסִירַת נֶפֶשׁ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶען מֶען נִישְׁט יֶענֶעם הֵייסְן טוּן דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ, מֶען מוּז יֶענֶעם זָאגְן נִישְׁט צוּ טוּן, קוּמְט אוֹיס אַז מוֹהֲרָא"שׁ מוּז אוּנְז עֶנְטְפֶערְן "נֵיין", זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, אָבֶער בֶּאֱמֶת זָאלְן מִיר יָא עֶפֶענֶען.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים רֶבִּי'ן, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶר הָאט אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן דִי קְהִילָה וִויל עֶר זָאל בְּלַייבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט זֵיי, וָואס עֶר זָאל טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעקְרֶעכְצְט פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: **"דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען?!"** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): **"אִיךְ דַארְף יֶענֶעם זָאגְן וָואס יֶענֶער וִויל הֶערְן"**; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְסִירַת נֶפֶשׁ זַאכְן - דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן טוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ.

### מִיר עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר!

אִיז גֶעוָוארְן חִלוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים צִי מֶען מֶעג עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר אָדֶער נִישְׁט, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי חֲבֵרִים גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַ גוּט וָוארְט, אַז מֶען 'פְרֶעגְט' וָואס צוּ טוּן, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ מֶען זָאל נִישְׁט עֶפֶענֶען, מֶען קֶען אָבֶער 'זָאגְן'; מִיר זָאלְן אַרַיין גֵיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ 'זָאגְן' אַז מִיר גֵייעֶן עֶפֶענֶען אַ מוֹסָד, וֶועט מֶען זֶען, אוֹיבּ וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ נָאכְאַמָאל זָאגְן "נֵיין", מֵיינְט עֶס אַז מֶען טָאר טַאקֶע נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ חֵדֶר.

זֶענֶען מִיר אַרַיין **חוֹל הַמוֹעֵד פֶּסַח** צוּ מוֹהֲרָא"שׁ, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען פִיר אִינְגֶעלַייט, מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"אִסְרוּ חַג פֶּסַח עֶפֶענֶען מִיר אַ**

פארזעצונג אין עמוד ב' <<<

מערכת 'שיעורי חינוך'

וואונטשט פאר אלע ליינערס און פאר גאנץ כלל ישראל

א כשר'ן פרייליכן פסח

# שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

המשך

זוּנְטָאג פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשפ"ג אִין עִיה"ק יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

>>> פארזעצונג פון עמוד א'

**חֵדֶר! מִיר ווִילְן ווִיסְן צִי מִיר טוּעֶן גוּט"**, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמֵייכְלֶען אוּן אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "**אֵיין זַאךְ דַארְפְסְטוּ ווִיסְן, אַז מֶען הוֹיבְּט אָן קֶען מֶען נִישְׁט צוּרִיק גֵיין**". דָאס אִיז מַיין שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, אַז מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי מוֹסָד דַארְף מֶען דָאס אָנְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל ווַייטֶער מַצְלִיחַ זַיין.

## ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען אַרוֹיס דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב'...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז דֶעמָאלְט דֶערְצֵיילְט, אַז אַלְס בָּחוּר וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאט נָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן רֶבִּי'ן, זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דָאס וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב', עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: **"הֶער שׁוֹין אוֹיף צוּ לֶערְנֶען דִי 'בָּארָאסְלָאוֶוע סְפָרִים!"**

## דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן

אוֹיךְ הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַז נָאךְ זַיין חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וָואס הָאט דֶעמָאלְט אָנְגֶעפִירְט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג - אָפְּגֶערֶעדְט פַאר אִים ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אִים אָן צוּ פִירְן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר שְׁטִיבְּל, אוּן נִיטְאַמָאל הָאט עֶר מִנְיָן, [נְיוּ יָארְק אִיז גְרֶעסֶער פוּן גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִין גַאנְץ נְיוּ יָארְק אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין מִנְיָן פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים]. הָאט אִים מוֹהֲרָא"שׁ מְחַזֵּק גֶעוֶוען אַז מֶען דַארְף אָנְגֵיין אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער וְכוּ'. שְׁמוּעֶסְנְדִיג אַזוֹי אוֹיפְ'ן גַאס אִיז דוּרְכְגֶעפָארְן אַ 'גֶעלֶע חֵדֶר בָּאס'[1].

הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא"שׁ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים: **"נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן אַרוּם פָארְן בָּאסֶעס מִיטְ'ן אוֹיפְשְׁרִיפְט: 'תַּלְמוּד תּוֹרָה בְּרֶסְלֶב'"**, הָאט יֶענֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לַאכְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: **"אִיר חָלוֹמְ'ט בְּהָקִיץ; עֶס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אַזַא זַאךְ!"**

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אוּנְז אוּן גֶעזָאגְט: "**בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָלוֹם אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן**". מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶעמָאלְט גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אַרִיבֶּער פָארְן מִיטְ'ן בָּאס בַּיי זַיין הוֹיז, עֶר הָאט גֶעוָואלְט ווַייזְן פַאר דִי רֶעבִּיצִין דִי שֵׁיינֶע מוֹסְדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט וואוּ מִיר זֶענֶען מְחַנֵּךְ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעטוּן, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶפְנְט דֶעם חֵדֶר 'אִסְרוּ חַג פֶּסַח', אוּן מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע גֶעלֶע בָּאס[2], אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם דְרֵייוֶוער עֶר זָאל פָארְן קַיין בָּארָא פַּארְק אוּן דוּרְכְפָארְן מוֹהַרָא"שְׁ'ס הוֹיז בִּשְׁעַת מוֹהֲרָא"שׁ אִיז אוֹיפְ'ן פָארְטְשׁ (בַּאלְקָאן), דֶער דְרֵייוֶוער אִיז אַהִין גֶעפָארְן, וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען דֶעם בָּאס הָאט עֶר זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט, זֶעעֶנְדִיג אַז דֶער 'חָלוֹם' אִיז טַאקֶע מְקוּיָּם גֶעוָוארְן.

## דֶער 'חָלוֹם' גֵייט ווַייטֶער אוּן ווַייטֶער

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער 'חָלוֹם' גֵייט ווַייטֶער אוּן ווַייטֶער... מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶפְנְט אַ חֵדֶר אוּן אַ 'בֵּית פֵיגָא' אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן אַ חֵדֶר אִין טְבֶרְיָה, אוּן וֶוען נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת וֶועלְן זִיךְ אַרוֹיס צִיעֶן קַיין טְבֶרְיָה וֶועט מֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף עֶפֶענֶען אוֹיךְ אַ 'בֵּית פֵיגָא' אִין טְבֶרְיָה.

## דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע!

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבְּן מִיר גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס גֵייט נִישְׁט אִיבֶּער פַאר דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סוֹד פַאר אוּנְז אַלֵיין, מֶען קוּמְט נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְנָאךְ גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְוִויסְן דֶערְפוּן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעמִישְׁט, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר קֶענֶען גֶעבְּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וָואס אִיז גוּט פַאר אוּנְז, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ אוֹיפְוַואקְסְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אוֹיפְוַואקְסְן מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, אַז דָאס זָאל זַיין זֵייעֶר לֶעבְּן, אִיז עֶס פַאר מִיר גָאר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר פָארְגֶעהַאלְטְן: 'וָואס אִיז מִיט דִיר? דוּ לֵייגְסְט אַרַיין דַיינֶע קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין יְשִׁיבָה? זֵיי קֶענֶען דָאךְ וַואקְסְן הֶעכֶער פוּן דֶעם!'... אָבֶּער גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֶעבּ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע! וָואס אִיךְ פַארְגִין פַאר מִיר, פַארְגִין אִיךְ פַאר זֵיי.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט נָאךְ וֶוערְן שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶטְס זָאלְטְס הָאבְּן כֹּחַ אוּן חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אָמֵן.

## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

**דרוקט: 2-4-2-1**

שמעו ותחי נפשכם

---

1 **אַ 'מְלַמֵּד' אוּן אַ 'לֶערֶערִין' מִיט הַאֶרֶץ**

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר צוּפִיס, אָבֶּער אִין אַמֶערִיקֶע גֵייט עֶס אַז מֶען נֶעמְט אָפּ דִי קִינְדֶער מִיט אַ בָּאס צוּם חֵדֶר. מֶענְטְשְׁן הָאבְּן בַּיי דֶעם אַ 'קַטְנוּת הַמּוֹחִין', אֲפִילוּ וֶוען דִי מוֹסָד אִיז אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן גַאס נָאר בַּיים אַנְדֶערְן ווִינְקְל, ווִיל מֶען אוֹיךְ אַז דֶער בָּאס זָאל קוּמֶען אָפְּנֶעמֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּם חֵדֶר... עֶס אִיז זֵיי ווִיכְטִיגֶער אַז דִי בָּאס זָאל קוּמֶען אִין צַייט, זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן בַּיי יֶעדֶע הוֹיז, אַז דִי מַאמֶע זָאל נִישְׁט דַארְפְן גֵיין קַיין טְרִיט, אוּן אֵיינֶער זָאל שְׁרֵייעֶן צוּם קִינְד: **"אַ גוּט מָארְגְן"**, ווִי דָאס אַז דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין זָאל זַיין גוּט.

אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט דֶעם סֶערְוִויס אַזוֹי בִּשְׁלֵמוּת, אִיךְ זָאג פַאר דִי דְרֵייוֶוערְס אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט אַרַיין פָארְן אִין יֶעדְן גַאס, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אוֹיס גְרִינְגֶער מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין פָארְן אִינֶעם גַאס, זָאלְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען בַּיים עֶק גַאס, מֶען וֶוערְט נִישְׁט קַיין גוּטֶע מוֹסָד אַז דֶער בָּאס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדֶע הוֹיז וְכוּ', עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז מֶען הֵייסְט זֵיי קוּמֶען צוּם עֶק גַאס, קֶענֶען זֵיי זוּכְן אַ מוֹסָד וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיים הוֹיז.

אִין אַמֶערִיקֶע אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק: **"דָאס אִיז נִישְׁט מַיין סְפֶּעשֶׁעלְטִי"**, דָאס מֵיינְט, יֶעדֶע גֶעשֶׁעפְט הָאט גֶעווִויסֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן נִישְׁט, אַזוֹי צִיעֶן זֵיי אַיינְקוֹיפֶערְס, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶע גֶעשֶׁעפְט הָאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲלוֹת, אֵיינֶער הָאט דֶעם סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט אוּן אַ צְווֵייטֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט, מַיין סְפֶּעשֶׁלְטִי (סְפֶּעצִיעֶלְקֵייט) אִיז, אַז מִיר הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה; אִיךְ גֶעבּ אַ 'מְלַמֵּד' אוּן אַ 'לֶערֶערִין' מִיט הַאֶרֶץ, וָואס גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער, מֶען פַארְשֶׁעמְט נִישְׁט אוּן מֶען פְּרַאסְקֶעט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'.

דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט קִינְדֶער אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת זֶענֶען מָלֵא שִׂמְחָה, ווַייל זֵיי ווֵייסְן זֵייעֶר גוּט וָואס מֶען בַּאקוּמְט דָא, מֶען רוּפְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע רֶגַע זָאגְן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען פְּרָאבְּלֶעמַאטִישׁ אוּן זֵיי דַארְפְן גֵיין אוֹיף הִילְף צוּ טֶערֶעפִּי, נָאר דִי יוּנְגֶע ווַייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן יֶעצְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת, וֶוערְן בְּרוֹגֶז אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶעם סֶערְוִויס אַזוֹי ווִי אַנְדֶערֶע...

2 דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מַחְלֹקֶת אוֹיף דִי חֵדֶר, אַז בַּיינַאכְט הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְקִירְן דֶעם בָּאס אִינְמִיטְן שְׁטָאט, מֶען הָאט עֶס נָאר גֶעקֶענְט פַארְקִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן גֶעגְנְט, צְווִישְׁן גוֹיִם, אוּן אַז מֶען הָאט אֵיין טָאג פַארְגֶעסְן עֶס אַרוֹיסְצוּטְרָאגְן בַּיינַאכְט פוּן שְׁטָאט ווַייל דֶער דְרֵייוֶוער הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט, הָאט מֶען עֶס גֶעטְרָאפְן צוּפְרִי אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער אוּן אוֹיסְגֶעשָׁאסְן דִי פֶּענְסְטֶער וְכוּ' וְכוּ'.

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיְנֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**לְכָבוֹד חַג הַפֶּסַח בְּרֶענְגֶען מִיר אַן הֶערְלִיכְן שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִין מַחֲנֶה "אִילָן הַחַיִּים" - לִיבֶּערְטִי יע"א, עֶס עֶנְטְהַאלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס, וִוי עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים הָאבְּן אָנְגֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁאֵלוֹת בְּעִנְיְנֵי חִינוּךְ, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט.**

## - שְׁאֵלָה א' -

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

און וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ טַאטֶע פַארְגִינְט נִישְׁט?!...

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער דִי גוּטֶע מִדָּה פוּן פַארְגִינֶען פַאר אַנְדֶערֶע.

יֶעדֶעס קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אֵיינֶער הָאט גְרִינְגֶערֶע נַאטוּרְן, אוּן אֵיינֶער הָאט שְׁוֶוערֶערֶע נַאטוּרְן; אֲפִילוּ אִין דִי זֶעלְבֶּע מִשְׁפָּחָה קֶען מֶען זֶען, זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אֵיין קִינְד גֶעבְּט נָאךְ פַאר יֶעדְן, אוּן אֵיין קִינְד הָאט צוּטוּן מִיט יֶעדְן. דַארְף מֶען מֶער רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דֶעם קִינְד וָואס הָאט דִי שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן אוּן אִים הֶעלְפְן, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן,

## - שְׁאֵלָה ב' -

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס שְׁלָאגְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אוּן וִויפִיל מָאל מֶען זָאגְט אִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן, שְׁלָאגְט עֶר וַוייטֶער?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

מֶען דַארְף זָאגְן פַארְ'ן קִינְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: **"מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן!" "מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן!"** אוֹיבּ עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף, דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ שְׁלָאגְן, מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן מַחֲמַת כַּעַס, אָבֶּער מֶען גֶעבְּט אַ קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶע אוֹיפְ'ן הַאנְט אוּן מֶען זָאגְט אִים: **"מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן!"**

אוֹיךְ קֶען מֶען אָפְּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן קִינְד, אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁלָאגְן וֶועט מֶען אִים בַּאלוֹינֶען מִיט אַ קְלֵיינִיקֵייט וִוי אַן אֵייסֶעס אוּן דָאס גְלַייכְן.

בִּכְלַל אִיז 'אֵייסֶעס' אַ גוּטֶע מִיטְל וִוי אַזוֹי צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען זוּמֶער אוֹיסְגֶעשְׁוִויצְט אוּן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, אַז עֶר בַּאקוּמְט אַן אֵייסֶעס בַּארוּאִיגְט עֶר זִיךְ.

דָאס בַּארוּאִיגְט אוֹיךְ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, אַן אֵייסֶעס קֶען אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ, אַ קְלֵיינֶע אֵייסֶעס קֶען דִינֶען אַנְשְׁטָאט טֶערֶעפִּי, מֶעדִיקֶעישְׁן אוּן וֵוייטֶעמִינֶען; וֶוען מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק בַּיינַאכְט אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְ'ן פָארְטְשׁ (בַּאלְקָאן) אוּן מֶען עֶסְט אַן אֵייסֶעס, וֶוערְן זַאכְן בַּארוּאִיגְט, מֶען קֶען אַיינְשְׁפָּארְן מִיט דֶעם גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁוִויצְט, וֶוערְט פִינְסְטֶער פַאר דִי אוֹיגְן, מֶען הֵייבְּט אָן וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן: **"מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט", מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט", "מֶען דַארְף אִיבֶּער פֶּעינְטְן דִי הוֹיז"**, אוּן **"מֶען דַארְף אִיבֶּער מַאכְן דִי קָאךְ"**, אָבֶּער אַז מֶען זֶעצְט זִיךְ אַרוֹיס מִיט אַן אֵייסֶעס בַּארוּאִיגְט מֶען זִיךְ, אוּן מֶען זֶעט אַז דִי אַלֶע זַאכְן פֶעלְן מֶער נִישְׁט אוֹיס...

מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אַלְס אִינְגֶערְמַאן גֶעוואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זֵייעֶר פְלַייסִיג. הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד, אַז אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען מְסוּדָּר, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעמַאכְט מִיט אִים אַ שְׁמוּעֶס, זָאגְט אִים יֶענֶער אַז זַיין מֹחַ פַּיינִיגְט אִים, עֶר גֵייט זִיךְ יֶעצְט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, עֶר זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ אַרָאפּ צוּ טַאנְצְן לֹא עָלֵינוּ, דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, הָאט עֶר גֶעזוּכְט פַאר וֶועם עֶר קֶען דָאס דֶערְצֵיילְן וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, אִיז עֶר אַרַיין אִין סַאטְמֶערֶ'ע בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט עֶר גֶעזֶען מַיין זֵיידֶע לֶערְנֶען, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעבֶּעטְן: **"אִיךְ ווִיל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען, אָבֶּער דָא אִינְדְרוֹיסְן אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר רֶעדְן מִיט אִים?"** זָאגְט אִים מַיין זֵיידֶע: **"אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אִים, בִּיז דֶערְוַוייל גֵיי קוֹיף מִיר אַן אֵייסֶעס!"** מַיין זֵיידֶע אִיז אַרוֹיס אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִים, בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַן אֵייסֶעס, מַיין זֵיידֶע הָאט אִים עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּאִיגְט!

דִי מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן; דָאס אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר מְלַמְּדִים, זוּמֶער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁוִויצְט, נָאכְ'ן טַאנְצְן, לוֹיפְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, גֶעבְּט מֶען אַ קְלֵיינֶע אֵייסֶעס פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי בַּארוּאִיגְן זִיךְ, מֶען קֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען.

דָאס דַארְף נִישְׁט קָאסְטְן טֵייעֶר, מֶען קֶען בֶּעטְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן מַאכְן אֵייסֶעס, מֶען נֶעמְט אַ בָּאטְל גְרֶעיפּ דְזְשׁוּס אוּן מֶען גִיסְט עֶס אַרַיין אִין קְלֵיינֶע בְּרוֹינְפְן גְלֶעזֶער, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, אַ פֵיינֶע צוּקֶערְדִיגֶע קַאלְטֶע גֶעטְרַאנְק. קוֹדֶם גֶעבְּט מֶען אֵיינְס פַאר אַ קִינְד, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען **"עֶטְס זֶענְטְס אַזֶעלְכֶע ווּאוֹילֶע קִינְדֶער, וֶועל אִיךְ עֶנְק גֶעבְּן נָאךְ אֵיינְס"**, אַזוֹי גֶעבְּט מֶען נָאךְ אֵיינְס, אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶערְמִיט.

## - שְׁאֵלָה ג' -

### וֶוען מֶען טֵיילְט אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אֵייסֶעס, דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמֶען, אָדֶער מֶען קֶען טֵיילְן נָאר פַאר דִי ווּאוֹילֶע קִינְדֶער?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען. מֶען קֶען נִישְׁט טֵיילְן פַאר אַ גַאנְצֶע טִישׁ אוּן פַאר אֵיין קִינְד זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן.

קוֹדֶם זָאגְט מֶען אַז דָאס אִיז נָאר פַאר דִי ווּאוֹילֶע קִינְדֶער, אָבֶּער

פארזעצונג אין עמוד ד'<<<

>>> פארזעצונג פון עמוד ג'

צוּם סוֹף גֶעבְּט מֶען פַאר יֶעדְן. מֶען פְרֶעגְט דֶעם קִינְד וָואס הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעשְׁטֶעלְט: **"אֶמֶת דוּ גֵייסְט שׁוֹין זַיין וואוֹיל?"** אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט: **"יָא, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל!"**

מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיבּ יֶעדֶער בַּאקוּמְט וֶועט עֶס גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, וַוייל עֶס טוּט יָא אוֹיף. אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַלֶעמָאל גֶעטוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד, אִיךְ פְלֶעג זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: **"נָאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וואוֹיל וֶועלְן קֶענֶען מִיט קוּמֶען** צוּ **דִי נִיעֶגְרָא-פָאלְס וַואסֶער"**, צוּם סוֹף הָאבּ אִיךְ מִיט גֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע כִּתָּה. אוּן דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעשְׁטֶעלְט זֶענֶען יֶעצְט דִי מְלַמְּדִים, דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וואוּ זֵיי זֶענֶען הַיינְט...

דֶער מְנַהֵל פוּן יֶענֶע מוֹסָד פְלֶעגְט קַנְסְ'נֶען קִינְדֶער אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט קוּמֶען צוּ דִי מֶעכְטִיגֶע טְרִיפְּס, דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר הָאבְּן דָאס נָאךְ גֶעדֶענְקְט בִּיז דֶעמָאלְט, צֶען יָאר שְׁפֶּעטֶער, זֵיי הָאבְּן עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מוֹחֵל זַיין, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעזָאגְט: **"מִן הַסְּתָּם אִיז דֶער מְנַהֵל נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אַ טְרִיפּ, דֶערְפַאר וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס אַ טְרִיפּ אִיז"**.

מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁלִיסְן אַ קִינְד פוּן זַיין גַאנְצֶע סְבִיבָה, יֶעדֶער פָארְט אוּן יֶעדֶער בַּאקוּמְט - אוֹיסֶער אִיךְ, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען קַנְסְ'נֶען מִיט קְלֵיינִיקֵייטְן, וִוי 'נִישְׁט קֶענֶען גֵיין שְׁווִימֶען אֵיין טָאג' וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען אַ טְרִיפּ וְכַדוֹמֶה פוּן אַ קִינְד.

## - שְׁאֵלָה ד' -

## דִי גוּטֶע קִינְדֶער קֶענֶען דָאךְ הָאבְּן טַעֲנוֹת, פַארְוָואס בַּאקוּמְט יֶענֶער אִינְגְל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**
דָאס אִיז נִישְׁט זַיין גֶעשֶׁעפְט.

וֶוען אַ קִינְד הֵייבְּט אָן זָאגְן: **"פַארְוָואס בַּאקוּמְט יֶענֶער אִינְגְל, עֶר הָאט דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אוּן גֶעלֶערְנְט?"** קֶען מֶען אִים אַוֶועק נֶעמֶען זַיין אֵייסֶעס, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה! וֶוער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט? וָואס קוּקְט עֶר אוֹיף יֶענֶעם?!

## - שְׁאֵלָה ה' -

## וֶוען מֶען טֵיילְט אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר אַלֶע קִינְדֶער, בַּאקוּמְט אֵיינֶער אַבִּיסְל מֶער אוּן אֵיינֶער אַבִּיסְל וֵוייניגֶער, וָואס טוּט מֶען וֶוען אֵיין קִינְד הֵייבְּט אָן וֵויינֶען אַז יֶענֶער הָאט מֶער פוּן אִים, זָאל מֶען אִים צוּגֶעבְּן?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**
נֵיין! גֶעבּ נִישְׁט צוּ, נָאר נֶעם אַרָאפּ.

אַזוֹי טוּ אִיךְ שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת, וֶוען אַ קִינְד וֵויינְט אַז יֶענֶער הָאט מֶער פוּן אִים, נֶעם אִיךְ אַוֶועק פוּן אִים. וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף יֶענֶעם? וֶוען יֶענֶער וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט מֶער וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען צוּפְרִידְן? וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם?!

## - שְׁאֵלָה ו' -

## דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט, מֶען זָאל אַוֶועק נֶעמֶען וֶוען אַ קִינְד וֵויינְט אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט מֶער פוּן אִים, אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בַּיי גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָדֶער נָאר וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער אוּן עֶרְוַואקְסְן?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**
יָא! וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִדּוֹת.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר רַחְמָנוּת אוֹיף מִשְׁפָּחוֹת וָואס לָאזְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, וַוייל נָאר וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר קְלֵיין קֶען מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען, דֶעמָאלְט אִיז דֶער עִיקָּר צַייט פוּן חִינוּךְ.

'חִינוּךְ' אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וֶוער הָאט כֹּחַ פַאר חִינוּךְ? יֶעדֶע וָואךְ שַׁבָּת טְרַאכְט אִיךְ נָאכְאַמָאל 'אִיךְ קֶען קוֹים דַאוֶוענֶען, אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן צַייט פַארְנוּמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ דַאוֶוענֶען, דִי וָואךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ אָפְּרוּעֶן'... אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל וִוי יוּנְגֶער מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ אַלְץ שְׁטֶערְקֶער גֵייט עֶס אַרַיין.

## - שְׁאֵלָה ז' -

## מֶען מֶעג לָאזְן אַ קִינְד זִיךְ אַלֵיינְס שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיים דַאוֶוענֶען?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**
עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם יָארְגַאנְג פוּנֶעם קִינְד.

## - שְׁאֵלָה ח' -

## מֶען מֶעג אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען נֵייטְן אַ קִינְד עֶר זָאל דַאוֶוענֶען?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**
מֶען קֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען נֵייטְן אַ קִינְד צוּ דַאוֶוענֶען. וויפִיל יָא - דָאס וֶוענְדְט זִיךְ מִיט וֶועלְכֶע קִינְד אוּן וִוי אַלְט עֶר אִיז.

אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז הֶעלְפְן אַ קִינְד דַאוֶוענֶען, אִיז חָשׁוּבֶ'ער וִוי אַלֵיינְס דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז חָשׁוּבֶ'ער צוּ זָאגְן מִיטְ'ן קִינְד: **"נַ-קְ-דִּ-י-שָׁ-ךְ וְ-נַ-עֲ-רִ-י-צָ-ךְ"**, וִוי זִיךְ אַלֵיינְס אַיינְקוּטְשְׁקֶען אִינֶעם טַלִּית אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פארזעצונג אין עמוד ו' >>>

# חיזוק פַאר די אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיר בְּרֶענְגֶען אַייךְ דָא דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרָאפְּגֶעכַאפְּט, פוּל מִיט חִיזוּק פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. כְּדֵי דִי פְרוֹיעֶן זָאלְן עֶס קֶענֶען הֶערְן בַּיי דִי צוּזַאמְקוּם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען זוּנְטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, בַּיים מְסִיבַּת 'הַכָּרַת הַטּוֹב' פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת.**

## דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע

**טַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'ע פְרוֹיעֶן, טַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'ע מַאמֶע'ס!** יֶעדֶע אֵיינֶע פוּן אַייךְ וִויל זִיכֶער זַיין דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע וָואס קֶען זַיין, יֶעדֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע וִויל זַיין דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע פַאר אִירֶע קִינְדֶער; מֶען הֶערְט הַאט-לֵיינְ'ס, מֶען הֶערְט דְרָשׁוֹת, מֶען גֵייט צוּ מְסִיבּוֹת, מֶען גֵייט צוּ שִׁיעוּרִים, פַארְוָואס? וַוייל מֶען טוּט אַלֶעס צוּ קֶענֶען זַיין דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

## זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ

**טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת!** מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר פַארְרוּפְן זִיךְ 'בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים', דַארְפְן מִיר מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וִויל, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): **"מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד"**, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אִים אַרֵיין צוּ וַוארְפְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, דוּרְכְ'ן אִים דֶערְמַאנֶען כְּסֵדֶר וָואס עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גוּט בַּיי אִים, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן אוֹיפְזוּכְן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט יָא אִין לֶעבְּן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): **"וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם"**, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען, **"כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה"**, וַוייל מֶען אִיז דֶערְבִּיטֶערְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, **"וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ"**, אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן, **"שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֳלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה"**, אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן פוּן זַיין נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען אוֹיסְהֵיילְן אַלֶע מַחְלוֹת דוּרְךְ 'שִׂמְחָה', אַלֶע וֵוייטָאגְן וֶוערְן פַארְשְׁווּאוּנְדְן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ קְרֶעכְצְט נִישְׁט, עֶס דְרוּקְט אִים גָארְנִישְׁט אוּן עֶס טוּט אִים גָארְנִישְׁט וֵויי; אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרֵיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע.

זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת לוֹיפְן אַרוּם, פַארְ'ן מַאן, וַוייבּ אָדֶער קִינְדֶער, מֶען זוּכְט הִילְף, מֶען זוּכְט אַ סָאוּשְׁל וָוארְקֶער, אַ טֶערֶעפִּיסְט, אַ דָאקְטֶער, וָואס קֶען הֵיילְן צוּ טוּישְׁן אַ גוּסְטֶע אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אָדֶער הוֹיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוֹיף אַלֶעס זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיז דָא אֵיין עֵצָה: 'שִׂמְחָה'; אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הֵיילְט זִיךְ אַלֶעס אוֹיס.

## דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי מַאמֶע

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַז אִין אַ אִידִישֶׁע הוֹיז זָאל גֵיין מוּזִיק, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיבֶּערְהוֹיפְּט דַארְף דִי מַאמֶע זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט דִי אִידִישֶׁע מַאמֶע, אַז דִי מַאמֶע אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע זֶענֶען דִי קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אַז דִי מַאמֶע אִיז אַ בַּאבְּלָאזֶענֶע זֶענֶען דִי קִינְדֶער בַּאבְּלָאזְן; אַז דִי מַאמֶע אִיז אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, אוּן אַז דִי מַאמֶע אִיז אִין נִישְׁט אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, שְׁלֶעפְּט עֶס אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ.

## דִי רֶעסֶעפִּי פוּן דִי שְׁטוּבּ

אִיר וֵוייסְט אַלֶע אַז וֶוען מֶען וִויל בַּאקְן אוּן קָאכְן סֵיי וָואס, וִוי חַלוֹת, קֶעיק, מֶען וִויל קָאכְן אַ גוּטֶע זוּפּ, פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ רֶעסֶעפִּי (רֶעצֶעפְּט), וִויפִיל מֶעל, אוֹיל, צוּקֶער, זַאלְץ אוּן אִיבֶּעְרִיגֶע זַאכְן מֶען זָאל אַרֵיין לֵייגְן, אוּן וִוי לַאנְג מֶען זָאל עֶס בַּאקְן אוֹיף דִי הוֹיכֶע גְרַאד אוּן וִוי לַאנְג אוֹיף דִי נִידְרִיגֶע גְרַאד, אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע רֶעסֶעפִּי קוּמְט עֶס אוֹיס אַ מְחַיֶה, אַ פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע גֶעקֶעכְטְס אוּן גֶעבֶּעקְס. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט פַארְגֶעסְן אַרֵיין צוּ לֵייגְן צוּקֶער אָדֶער זַאלְץ, אָדֶער מֶען הָאט נִישְׁט אַרֵיין גֶעלֵייגְט יוֹסְט אִין דִי חַלוֹת וֶועט עֶס הָאבְּן יֶענֶע טַעַם...

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער; וֶוען מֶען בּוֹיעֶט אַ שְׁטוּבּ אוּן מֶען וִויל דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶועלְכֶע רֶעסֶעפִּי מֶען לֵייגְט אַרֵיין אִינֶעם שְׁטוּבּ. אַז דוּ לֵייגְסְט אַרֵיין צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט לֶעפְלֶעך זַאלְץ וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען זַאלְצִיגֶע קִינְדֶער! אַז דוּ לֵייגְסְט אַרֵיין הוֹיפֶענֶעס זוֹיעֶרֶע יוֹסְט וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען זוֹיעֶרֶע קִינְדֶער! אוּן אַז דוּ לֵייגְסְט אַרֵיין אַסַאךְ לֶעפְלֶעך צוּקֶער וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען זִיסֶע קִינְדֶער!

אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי עֶלְטֶערְן, אוּן בְּעִיקָר אִין דִי מַאמֶע, וַוייל זִי אִיז דִי עֲקֶרֶת הַבַּיִת, זִי פִירְט דִי שְׁטוּבּ, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ זָאגְן: **"מַיין מַאן אִיז שׁוּלְדִיג"** אוּן: **"מַיין מַאן אִיז אַהֶער אוּן אַהִין"**, אָבֶּער קִינְדֶער דַארְפְן אַ פְרֵיילִיכֶע פַּאזֶעטִיוֶוע מַאמֶע!

## עָתִיד פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת

**טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ!** מִיר זֶענֶען זִיךְ צוּזַאם גֶעקוּמֶען פַאר אַ מְסִיבָּה פוּן 'הַכָּרַת הַטּוֹב' אָבֶּער פַאר מִיר אִיז וִויכְטִיגֶער צוּ רֶעדְן פוּנֶעם 'עָתִיד פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת', אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן, מֶען זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוֹיפְהֵייבְּן דִי קִינְדֶער אוּן רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ.

אַ מַאמֶע וָואס שְׁטֵייט אוּן קְלַאפְּט אַרָאפּ דִי קִינְדֶער: **"מְשׁוּגֶענֶע"**, **"מְשׁוּגֶענֶע"**, **"מְשׁוּגֶענֶע"**, זִיכֶער וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מְשׁוּגֶענֶע! וַוייל אִין דִי רֶעסֶעפִּי לִיגְט 'צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט לֶעפְלֶעך מְשׁוּגֶענֶע', אַז אִין דִי רֶעסֶעפִּי לִיגְט צוּפִיל זַאלְץ וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ זַאלְצִיגֶע קִינְד, אַז אִין דִי רֶעסֶעפִּי לִיגְט אַסַאךְ צוּקֶער וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ זִיסֶע קִינְד, אוּן אַז אִין דִי רֶעסֶעפִּי לִיגְט צֶען קָאפְּ'ס שְׁמֵייכְלֶען, פִינְף לֶעפְלֶעך גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן אָן אַ שִׁיעוּר קָאמְפְּלִימֶענְטְס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען אַ זֶעלְבְּסְט-זִיכֶער קִינְד!

## אַ בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע

מֶען גְרֵייט זִיךְ יֶעצְט צוּם זוּמֶער, עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי גַאסְן, עֶס רַעשְׁ'ט, יֶעדֶער גֵייט אַיינְקוֹיפְן פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל מֶען וִויל זַיין דִי בַּאלִיבְּסְטֶע מַאמֶע, מֶען מֵיינְט אַז 'אוֹיבּ וֶועל אִיךְ גֶעבְּן פַאר מַיין קִינְד וָואס עֶר וִויל אוּן וָואס עֶר חָלוֹמְ'ט בִּין אִיךְ אַ בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נִישְׁט אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ בַּאלִיבְּטֶע מַאמֶע! דָאס אַז דֶער קִינְד וִויל, דֶער קִינְד וֵויינְט, אוּן דֶער קִינְד שְׁטוֹיסְט - אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט, וַוייל דָאס אִיז אַ קִינְד, אָבֶּער דִי מַאמֶע קֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם קִינְד אוּן נָאכְגֶעבְּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר בֶּעט אוּן פַארְלַאנְגְט.

פארזעצונג אין עמוד ו' >>>

## המשך — חיזוק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ה'

אַ מַאמֶע דַארְף קֶענֶען וֶועגְן אוּן מֶעסְטְן וָואס יָא צוּ גֶעבְּן אוּן וָואס נִישְׁט צוּ גֶעבְּן, אַז מֶען גֵייט דוּרְךְ אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס אִיז דָארְט דָא אַ פַּאפְּקָארְן מַאֲשִׁין אוּן אַ קַאטְן קֶענְדִי מַאֲשִׁין, אוּן אַן אוֹיפְגֶעבְּלָאזְטֶע מֶענְטְשׁ פְּלִיט אִין דִי לוּפְטְן, דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן שְׁלֶעפְּן דִי מַאמֶע: **"מַאמִי, אִיךְ דַארְף אַ קַאטְן קֶענְדִי"**, **"מַאמִי, אִיךְ דַארְף אַ אֵייסֶעס"**, דַארְף דִי מַאמֶע זִיךְ קֶענֶען בַּאלַאנְצִירְן אוּן וִויסְן וָואס צוּ טוּן. מֶען מֶעג גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד פוּן צַייט צוּ צַייט אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען זָאגְט פַארְ'ן קִינְד: **"עֶס אִיז דוּרְךְ אַ וָואךְ אוּן דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען זֵייעֶר ווּאוֹיל, הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט שֵׁיין, הָאסְט גֶעמַאכְט אַ סִיוּם, דוּ הֶעלְפְט אֵייבִּיג, דוּ פַּאקְסְט צַאם דִי טוֹיס** (שְׁפִּילְצֵייג), **גֵייט מֶען דִיר קוֹיפְן אַ פַּאפְּקָארְן"**, אָבֶער נִישְׁט סְתַּם אַזוֹי.

### וָואס אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע?

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען טַאקֶע אַ גוּטֶע מַאמֶע? וָואס אִיז אַ גוּטֶע מַאמֶע? אַ גוּטֶע מַאמֶע אִיז, אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי רֶעסֶעפִּי פוּן מַיין שְׁטוּבּ: צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט קָאפְּס קָאמְפְּלִימֶענְטְס, צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט לֶעפְלֶעךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מָאל אִיבֶּער זָאגְן פַאר יֶעדֶעס קִינְד: **"דוּ קֶענְסְט יָא"**, **"דוּ בִּיסְט יָא"**, **"דוּ גֵייסְט גוּט חֲתוּנָה הָאבְּן"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי גְרוֹיס"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי דֶערְוַואקְסְן"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי מֶעטְשׁוּר"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי אַחֲרָיוּתְ'דִיג"**, **"אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיף דִיר פַארְלָאזְן אַז דוּ רוֹימְסְט גוּט אוֹיף דִי הוֹיז"**, אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער.

## המשך — שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּעִנְיְנֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

>>> פארזעצונג פון עמוד ה'

### - שְׁאֵלָה ט' -

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד אִין חֵדֶר וָואס טוּט אַ גַאנְצְן טָאג נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאכְן, עֶר גִיסְט אוֹיס קַאוֶוע, עֶר רַייסְט טִישׁוּס, עֶר דְרֵייְדְט אִיבֶּער טִישְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

דַארְף מֶען אִים פְרֶעגְן וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים, עֶר טוּט דָאס נִישְׁט פַאר סְתַּם.

### - שְׁאֵלָה י' -

אוּן אוֹיבּ דָאס קִינְד וִויל נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, עֶר וִויל נִישְׁט רֶעדְן, וָואס טוּט מֶען?

**תְּשׁוּבַת רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִים.

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן פָארְאוֹיס וָואס צוּ טוּן מִיט אַ קִינְד אִין יֶעדְן מַצָב. אוֹיבּ אֵיינֶער זָאגְט אַז עֶר הָאט עֵצוֹת וָואס צוּ טוּן מִיט יֶעדְן קִינְד אִין יֶעדְן מַצָב, אִיז עֶר אַ חָסֵר דֵעָה, עֶר וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט דֶעם מַצָב פוּנֶעם קִינְד.

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז פַאר יֶעדְן קִינְד אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אִים, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם שְׁפְּרַאךְ צוּ דֶעם קִינְד.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ בֵּן יָחִיד, מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּבּ מִיט מֵיידְלֶעךְ, עֶרְשְׁט נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ בְּרוּדֶער, פְלֶעגְט מִיר מַיין טַאטֶע נֶעמֶען אִין שׁוּל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוֶוענְט אוּן עֶר הָאט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען. אִיךְ קוּם אִין שׁוּל מִיט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה... אִיךְ רֶעד נִישְׁט וֶוען נָאךְ קִינְדֶער זֶעצְן זִיךְ אַרוּם דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַפִילוּ מַיינֶע קִינְדֶער אַלֵיינְס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ וַוייז פַאר אֵיינֶעם וואוּ מֶען הַאלְט בַּיי לְכָה דוֹדִי, נָאכְדֶעם פַארְ'ן צְוֵוייטְן, בִּיז דֶערְוַוייל אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט דָא...

וָואס מֵיינְסְטוּ, אִיךְ וֵוייס וָואס צוּ טוּן? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֵיין זַאךְ וֵוייס אִיךְ, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע וָואךְ בַּאזוּנְדֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן דָאס הֶעלְפְט.

אֵיין קִינְד מִישְׁט סְתַּם דִי בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סִידוּר, אֵיין קִינְד מַאכְט יֶעדֶע וָואךְ אַ מִלְחָמָה, עֶר וִויל דַאוֶוענֶען אַזוֹי ווִי דִי טַאטֶעס, אוֹיבּ הַאלְט עֶר בַּיי אַ פְּרִיעֶרְדִיגְן שְׁטִיקְל מַאכְט עֶס אִים שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר וִויל זִיךְ שְׁפִּירְן גְרוֹיס, עֶר קוּמְט אַרַיין בַּיי הוֹדוּ אוּן עֶר מִישְׁט אוֹיף דָארְט ווִי דִי טַאטֶעס הַאלְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען, זָאג אִיךְ אִים: **"הֵייבּ אָן מוֹדֶה אֲנִי"**, זָאגְט עֶר: **"פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זָאגְן מוֹדֶה אֲנִי? פַארְוָואס קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן הוֹדוּ?"**... זָאג אִיךְ אִים: **קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועסְטוּ אַרַיין קוּמֶען פְרִיעֶר, יֶעצְט הֵייבּ אָן מוֹדֶה אֲנִי"**, בְּלָאזְט עֶר אוֹיף מִיר אַ גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען, דַארְף אִיךְ אִים מְשַׁחֵד זַיין מִיט קֶענְדִיס, אִיךְ גֶעבּ אִים אַ גְלֶעט אוּן אִיךְ זָאג אִים: **"בִּיסְט אַזַא טַייעֶר קִינְד"**, אַמָאל קוֹיפְט עֶר עֶס יָא אָפּ, אוּן אַמָאל נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד, וָואס זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַלְס קִינְד זֵייעֶר אַ צֶעוִוילְדֶעוֶועט קִינְד, מַמָשׁ אַ פֶּרֶא אָדָם, דֶערְצֵיילְט עֶר אַזוֹי: מַיין טַאטֶע הָאט אַלְס קִינְד גֶעלֶערְנְט אִין חַבַּ"ד, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִילְד, מַמָשׁ גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶוען כָּלוּ כָּל הַקִּצִּין. דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ קִינְד אִין גַאס פְלֶעגְט עֶר זִיךְ קֶענֶען אָפְּשְׁטֶעלְן רֶעדְן מִיטְ'ן קִינְד. אֵיינְמָאל אִיז מַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס מִיט זַיין מַאמֶע, אוֹיפְ'ן וֶועג הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט דֶער רֶבִּי, פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי דֶעם קִינְד: **"דוּ הָאסְט לִיבּ דַיין רֶבִּי?"** זָאגְט עֶר **"נֵיין"**, **"הָאסְט לִיבּ דַיין חֵדֶר?"** זָאגְט עֶר **"נֵיין"**, **"הָאסְט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען?"** זָאגְט עֶר **"נֵיין"**, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין מַאמֶע: **"עֶר אִיז אַזַא אֶמֶת קִינְד! עֶר זָאגְט נָאר דֶעם אֱמֶת!"**

זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ דֶער קִינְד גֶעטוֹישְׁט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס הָאט אִים גֶעכַאפְּט, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אֵיינֶער זָאל אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן אִין אִים עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ, נָאר דֶער רֶבִּי. הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶער אִיד אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, דֶערְצֵיילְט עֶר אַלְץ פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז פוּן דֶעם גוּט וָוארְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין ווּאוֹיל.

## פַארְוָואס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אִין מַיין אִיבְּרִיג צַייט, וִוי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל וַואקַאצִיֶע, עֶס צִיט מִיר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְצוּרוּעֶן אוּן לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַעזִינֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר כָּשֵׁר׳ע, אָבֶּער עֶס צִיט מִיר נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, מַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט מִיר אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען כָּאטְשׁ פַאר צְווֵיי שָׁעָה אַ טָאג, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז עֶס זָאל מִיר צִיעֶן צוּ לֶערְנֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי–ב, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) – דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֵצוֹת פוּן קֵיינֶעם צוּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צז, ג): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, טז): "וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יוֹסֵף עֶר זָאל זַיין וִוי דִי פִישׁ וָואס לֶעבְּן אִין וַואסֶער, זֵייעֶר גַאנְצֶע עֶקְזִיסְטֶענְץ אִיז וַואסֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן רֶעגֶענֶען שְׁווִימֶען זֵיי אַלֶע אַרוֹיף אוּן ווילְן כַאפְּן אַ פְרִישֶׁע טְרָאפּ פוּן דִי רֶעגְן וַואסֶער. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דִי אִידְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם צִיט זֵיי יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואלְסְטוּ גֶעהַאט סֵיי דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס ווִיל דָאס נִישְׁט טוֹעֵם זַיין. "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב (תְּהִלִּים לד, ט)" – נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה, בִּפְרַט אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, דָאס הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַז עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען? דֶער צַייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת אוּן אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף; דִי צִיל פוּן אַ צַייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ אוּן נָאכְאַמָאל אִיךְ, אוּן עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט אוּן לֵיינְט דָאס בְּשַׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֵיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צַייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צַייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר דַארְפְסְטוּ דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ לֵיינְסְט; וֵויי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר מְלַמֵּד אִיז אָנְגֶעלֵיינְט מִיט לֵיצָנוּת פוּן צַייטוּנְגֶען, דֶער גַאנְצֶער צַייטוּנְג אִיז דָאךְ אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת, דְּבָרִים בְּטֵלִים אוּן דְּבָרִים שֶׁל מַה בְּכָךְ וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַוַדַאי לֵייגְן זֵיי אַרַיין דִּבְרֵי תּוֹרָה, וַוייל אַזוֹי קֶען מֶען פַארְנַארְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין שֵׁיינֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל מִיט כְּלוֹמְרִ׳ישֶׁע מוּסָר וַחֲסִידוּת, אָבֶּער וֶוער זֶענֶען דִי שְׁרַייבֶּערְס? פּוּסְטֶע יוּנְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט וֶוער דִי שְׁרַייבֶּערְס זֶענֶען, וָואלְסְטוּ גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד! דִי לֵצִים פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל!" עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, זֵיי דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צַייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לִיצֵי לֵיצָנוּת – אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס, קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיינְס, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט – דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

וָואס הָאבְּן דִי שְׁרַייבֶּערְס גֶעטוּן פַארְ׳ן שְׁרַייבְּן זֵייעֶר אַרְטִיקְל – גֶעלֶערְנְט אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ? גֶעזָאגְט תְּהִלִּים?! זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֵיינְט רַחְמָנָא לִצְּלָן זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט לֵיינֶען, דָאס לַיינְסְטוּ? אוּן דָאס גֵייסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר רֵיינֶע קִינְדֶער – תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא?!

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ וָואס ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דִיר אַן עֶרְלִיכֶער שְׁטוּבּ, זִי ווִיל דוּ זָאלְסְט אַבִּיסְל לֶערְנֶען, זִי ווִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט. אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן קוֹל. דִי וֶוענְט וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס: ׳דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד׳, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקּוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין זַיין וַוייבְ׳ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ׳ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" – דֶער לֶערְנְט יֶעדְן טָאג; בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז חוֹל הַמּוֹעֵד, צִי עֶרֶב יוֹם טוֹב, צִי עֶס אִיז פּוּרִים אָדֶער וֶוען אִימֶער, עֶר לֶערְנְט זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אַז מֶען ווִיל נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, מֶען ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ׳ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד", דֶעמָאלְט הָאט מֶען יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶער תֵּירוּץ; הַיינְט אִיז חוֹל הַמּוֹעֵד, מָארְגְן אִיז יוֹם טוֹב, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען אַוֶועק פַאקְן דֶעם יוֹם טוֹב וְכוּ׳, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַ שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם הָאט מַיין חַבֶר אַ שִׂמְחָה וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אָן קַיין תּוֹרָה.

פָאלְג דֶעם רֶבִּי׳ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְ׳ן קוֹל אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם גֵיי נִישְׁט אִיבֶּער דִי מַסֶכְתָּא, נָאר גֵיי צוּם קוּמֶענְדִיגְן מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ״ס, נֶעם אַ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא. הַיינְט זֶענֶען דָא גְמָרוֹת מְנוּקָדִים, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט טוֹעֵם זַיין דֶעם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם

פָארזעצוּנג אִין לֶעצְטֶע עַמּוּד >>>

>>> פארזעצונג פון עמוד ז'

גֶע'מוּסָר'ט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "מַדּוּעַ לֹא תִּלְמַד, מַה תַּפְסִיד בָּזֶה הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד", פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען! נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", אוּן אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

...

(עצתו אמונה חלק ד' מכתב רצא)

[צִיטִירְט פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב פ:

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט בִּכְלַל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִידִישֶׁע צִי לְהַבְדִּיל גוֹי'אִישֶׁע, וַוייל צֵייטוּנְגֶען רַייסְן אוֹיס דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - אֲפִילּוּ אִידִישֶׁע; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צַייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן סוֹף וָואךְ, מִיטְוָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי דִי בָּחוּרִים הֵייבְן אָן שְׁפְּרִינְגֶען פוּן זֵייעֶר הוֹיט, מֶען וַוארְט אַז דִי קַאר פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען (דִי עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן אַרוֹיס שִׁיקְן פַאר דִי בָּחוּרִים עֶסְן וְכוּ' מִיט דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ פָארְן), אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט מֶען אַזוֹי בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם? הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער צֵייטוּנְג אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מִיר דַארְפְן עֶס הָאבְּן... אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מִן הַסְּתָם פֶעלְט מִיר עֶפֶּעס פוּן מַיין לֶעבְּן, אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אַ צֵייטוּנְג אִיז', אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אִין דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָאס לֵיצָנוּת וָואס זֵיי מַאכְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִישׁ אַהֶער אִיךְ מִישׁ אַהִין - עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ לֵיינֶען דָארְט; עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען אוּן דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְט בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לִיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס. קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט, דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר...

ווארויל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי לֵיינֶען; עֶר קוֹיפְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת מִיט זֵיי, אוּן עֶר נֶעמְט שָׁלוֹם בַּיִת פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים].

## גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוֹיף פֶּסַח צוּ דִי סְדָרִים, אִיז גוּט פַאר דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין - אִיז רִיכְטִיג צוּ גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן פַאר פֶּסַח, צוּ דִי סְדָרִים. אִיר וֶועט נָאךְ מַאכְן שֵׁיינֶע סְדָרִים בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט אִיר מַאכְן דִי סְדָרִים אִין שְׁטוּבּ, יֶעצְט אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין זֶען סְדָרִים - אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אֵיין יָאר בַּיי אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן, זִיךְ גוּט צוּקוּקְן וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן סְדָרִים אוּן וִוי זֵיי גֶעבְן אִיבֶּער דִי אֱמוּנָה פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ חוּמְרוֹת אוּם פֶּסַח; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען פֶּסַח אַלֶעס וָואס הָאט אַ הֶכְשֵׁר. עֶס אִיז וִויכְטִיג פַאר זִיךְ אוּן פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן אַלֶע נַאשֶׁערַייעֶן אוּן אַלֶע קֶעיקְס, סִירִיעֶל וְכַדוֹמֶה.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי יָמִים טוֹבִים מִיט שִׂמְחָה אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה 292, פרשת כי תשא, תשפ"ג)

## מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר נַאכְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', י"א נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי אִיר ווִילְט זַיין בַּיי מַיין סֵדֶר - ווִילְן נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זַיין, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ קוּמֶען, וַוייל אַסַאךְ ווִילְן קוּמֶען; אַזוֹי וִוי אִיר מוּטְשֶׁעט מִיר, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט מוּטְשֶׁען מִיר נָאךְ מִשְׁפָּחוֹת.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאג אַייךְ אָפּ, אִיר זֶענְט בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר, פַארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז דָאס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ, (בִּפְרַט אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין גֶעוֶוען אֵיין יָאר).

מַאכְט אַ שֵׁיינֶע סֵדֶר נַאכְט אִין שְׁטוּבּ. פְּרוּבִּירְט צוּ טְרַאכְטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ 'וָואס וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעטוּן אִין אַזַא פַאל?' דֶערְמַאנְט אַייךְ פוּן דִי דְרָשׁוֹת, בְּרִיוו אוּן שִׂיחוֹת - וֶועט אִיר זַיין בַּיי מַיין סֵדֶר, בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ וֶועט זַיין מַיין סֵדֶר.

אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ בַּיים סֵדֶר, דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ יֶעדֶע יָאר בַּיים סֵדֶר, אוּן בַּיי יֶעדֶע סְעוּדַת שַׁבָּת - וִוי אִיךְ זִיץ בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מִיט מִיר.

...

(קונטרס עצתו אמונה 253, פרשת אחרי, תשפ"ב)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 /קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876